START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Microfilmed 2005
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION

PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2005-1913.20

Pryzament, Shlomo.
Der goylem :
muzikalishe legende in 4
akten.
Varsha, 1926.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005-1913.20

Pryzament, Shlomo, 1889-1973.
Der goylem : muzikalishe legende in 4 akten / fun Sh. Prizament un A. Mayzels ; muzik fun Prizament.
Varsha : Sh. Goldfarb, 1926.
32 p.

1. Yiddish drama.--lcsh
I. Meisels, Abisch, 1893-1959. II. Poland-Warsaw

ID : NXYH01-B22472 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /29587

Reduction ratio X 10.0

2/29587

ש. פּריזאַמענט און א. מייזעלס

דער גולם

פּיעסע אין 3 אַקטען

פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב וואַרשע

DER GOJLOM 1926

01-B22472

דער גוֹלם

מוזיקאַלישע לעגענדע אין 4 אַקטען

פון ש. פריזאַמענט און א. מייזעלס

מוזיק פון פריזאַמענט.

פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב וואַרשא, דזיקאַ 31
1926.

Druk: G. Piment Warszawa Sierakowska 4

פערשוינען

מהר"ל רב אין פּראָג	65 יאָהר
פּעריל זיין ווייב	55 "
רחל } ערציהונג'ס קינדער	18 "
בן ציון } ערציהונג'ס קינדער	25 "
מרדכי מייזעלס קייזערליכער ראַטה	50 "
פיליפּ לאַנג קייזערליכער סעקרעטאַר	30 "
תנחום שמש	40 "
זכריהו אַ יוד אַ אויספּרעגער	30 "

דער גולם. אַ הויכע ערשיינונג, ליים פּאַרביג, בעוועגונג אויטאָמאַטיש אויפ'ן שטערן די אויפשריפט **אמת**

יודען, בויער'ן, גראַפען, עטצ.

אָרט דער האַנדלונג פּראַג יאָהר 1590.

ערשטער אַקט

די אַלטע פּראַגער שוהל, אויסשטאַטונג וואָס שענער איז בעסער אויף דער ביהנע **בן-ציון, רחל, קאָר.**

קאָר. אבינו מלכנו
שמע קולנו
חוס ירחם עלינו, אוי אוי עלינו
בן ציון. גאָט פון ישראל
קאָר ביס הער שוין אַמאָל (ביס)
בן ציון. רבון העולמים
אזא שפוכות דמים
ווי קענסטו צוזעהן אַ צינדער
קאָר. אבינו מלכנו (ביז עלינו)
בן ציון, רחל אויב פאַר אונזערע זינד
שטראָפסטו אונז אַ צינד
בעטען מיר מחילה וסליחה (מוזיק)
קיין כוחות מעהר שוין ניט
פון וואַנדערען שוין מיעד
גיב אונז שוין
אַ מקום מנוחה.
קאָר. ביס, דאַן אבינו מלכנו ביז עלינו. (פּראָזא)
בן ציון. האזינו בני ישראל! גדול רום שברונו מי ירצה לנו, ליבע אונזערע אויגן האָבען צוגעזעהן ווי מערדערישע הענד האָבען אומגעבראַכט 2 פון אונזערע ברודער און פאַר וואָס קיין תירוץ קען אויך קיינער דערויף נישט ענטפערען נאר סתם ווייל מיר זענען יודען, און אויף אַלע רציחות און רדיפות וואָס קומען איבער אונז יודען טרייסטן מיר זיך מיט א גם זו לטובה אָדער מיט אַ ברוך דין אמת, מה דעבוד רחמנא לטב

עביד וואָס השי׳ טהוט מוז זיין צו גוטען, אָבער וויפיל איז דער שיעור? איז דען פארהאַן אין לעבען פונם יודען איין פרייליכער מינוט? ווײנט דען נישט דער יוד זיין גאַנץ לעבען לאַנג? אָבער ניין נישט וויינען, מיר מוזען פערלאַנגען, מיר דאַרפען שיקען שלוחים צו אַלע מלכים ושרים, נישט בעטען נאָר פאדערען זענען מיר דען הפקר ווי די חיות אין וואַלד? שטעהט אויף אַלע כאיש אחד. נעמט אייער וואנדערשטאָק אין האַנד, זאָלען מיר געהן צום קייזער פערלאַנגעז שוץ און גערעכטיגקייט פאר׳ן יודישען פאָלק.

תנחום

בן ציון. ביזט געווען ביים רבי׳ן?

תנח. יאָ, מיר ווייזט אויס אַז ער וועט באַלד קומען, די רביצן שטעהט שוין אַ נאַקעטע אָנגעטהון צום אַוועק געהן.

בן צ. יאָ, איך האָף אַז דער רבי וועט באַלד קומען, וויל היינט האב איך מיר ערלויבט אַריין צו געהן צום רבין אין זיין דאַווין שטיבל און פרעגען וואָס ס׳איז צו טוהן האָט ער מיר געענטפערט אַז די ישועה איז נאָהנט, און איך זאָל מען אייף איהם וואַרטען אין שוהל וויל צום הספד וועט ער קומען.

תנח. אוודאי איך האב דאָך אייך געזאָגט אַז ער וועט קומען.

בן צ. מ׳ תנחום זייט מוחל געהט א קעגין דעם רבין און מיר ווילען דערווייל זאגען אַ קאפיטעל תהילים.

תנח. יאָ, יאָ, איר וועט דערווייל געהן נאָך אַ קאַפּיטעל תהילים, און איך וועל זאגען דעם רבין, ניין דאָס הייסט איך וועל שוין, איך ווייס שוין וואָס איך וועל טהון (אָב)

קאר. על נהרות בבל שם ישבנו

(גם בכינו)

(בזכרינו את ציון)

בן צ. (אוי ציון.)

קאר. על נהרות בבל..

בן צ. אוי זעה אַליין גאָט
דעם שאנד און שפּאָט
הפקר ווי חיות אין וואַלד
ווער עס וויל ניט
צאפט אונזער בלוט
רבש״ע אוי העלף אונז באַלד (מוזיק)

מהר״ל. פערל. תנחום.

קאר. (ברוך הבא) בשם ד׳

מהרל. נחמו נחמו עמי טרייסט אייך מיט אונז איז גאט
שיקען וועט ער די ישועה דעם פאָלק וואָס ער
אויסגעוועהלט האָט
בעט נאָר צום אל רחום וחנון, מיט אַ גע-
בראָכען הערץ
וועט ער זיך אין אונז דערמאַנען, און היילען
דעב יודישען שמערץ)

(קאהר ביס)

מהרל. ליבע ברידער נישט קיין טרעהרען צו בעוויינען דעם גורל: פון די אָרימע 2 ברודער פון אונזער קהלה. נאָך מעהר טרויערט מיין הארץ אויף די 20 יודען וועלכע זענען אומשולדיג אין קערקער און מיר ווייסען נישט זייער גורל, ווידער האָט מען 2 אברים פון אונזער גוף אָבגעשניטען איך זעה גאַנצע טייכען פון יודיש בלוט און יודישע טרעהרען, זעה גאָט ווי אונזערע צרות זענען גרויס, גולה אחר גולה, חרבן אחר חרבן, נאָך זענען נישט פערהיילט אונזערע וואונדען פון דער אינקוויזיציע און שוין שנייט מען ווייטער אונזערע אברים. נו און ווער מיינט איהר איז שולדיג אין דעם אפשר אונזערע שונאים? ניין מיר זענען שולדיג א סך פון אונזערע ברודער לערנען זיך אָב פון אונזערע שונאים, ווילען נאך טוהן זיי אלעס, זיי דערווייטערן.

זיך מעהר און מעהר פון זייערע ברודער, דאס איז דער אומגליק וואס אונזערע זוהן און טעכטער ווילען נישט געהן אין דעם וועג פון אונזערע עלט׳רן דערויף האבען מיר צו קלאגען מיר דארפען וויינען איבער אונזערע זינד, מיר מוזען זיכען דעם וועג צו גאט, פרעגט אונזערע אור עלעטערן וועלען זיי אייך זאגען אז לא אחד בלבד עמד עלינו לכלותינו אז נישט איין המן האט שוין געטראכט אויפן לעבען פון דעם פאלק ישראל. נאר ישראל ואוריתא חד הוא, ישראל אין זיין תורה זענען איינס אין אזוי לאנג ער וועט אבהיטען די תורה וועט ער לעבען און עגזיסטירען.

בן ציון. רבי איז שוין דאָ א ידיעה פון ר׳ מרדכי מייזעלס?

מהרל. ניין שוין זייט 2 וואכען אז ר׳איז צום קייזער געגאנגען און סאיז נישטאָ קיין שום ידיעה. (בעראטונג)

תנח. איהר ווייסט דען רבותי ווער ר׳ מרדכי מייזעלס איז? ראשית אֶ יוד א למדן. והשנית א כשרה נשמה, והשלישית איז ער דאָך א גביר אדיר, א מיליאנטשיק איהר הערט יעדען ארימאן ניט ער נישט וועניגער ווי א מיליאן א נדבה. הלוואי זאָלט איהר אזוי לעבען איהר ווייסט גאַנץ גוט אז איך האָב פיינט צו זאָגען א ליגען. יאָ רביצין זאלט איהר לעבען ווען חעט איהר שוין אי״ה שרייבען תנאים ביי בן ציון מיט רחלי׳ן.

פערל. תנאים זענען שוין לאַנג געשריבען נאָך אַלס קינדער זענען זיי פערקנס׳ט געווארען, ווען רחלה האט איהרע עלטערען פערלוירען איז זי געוועזן אַ קינד פון 4 יאָהר, איהר טאטע ע״ה מיין ברודער האָט אונז פאר יציאת נשמה געבעטען מיר זאָלען רחלן צו אונז נעמען, און אי״ה אַז זי וועט גרויס ווערען זאָל מען זי חתונה מאכען פאַר בן ציון.

תנח. אָ שוין שעהנע עטליכע יאהר אַז בן ציון איז ביי אייך ווי לאַנג וועט שוין זיין דעראינען?

פערל, איהר דארפט אייך דערמאנען צוריק מיט 20 יאָהר זענען 10 יודען אומגעקומען אויף קידוש השם.

תנח. וואָס דען איך געדענק נישט פונקט דאמאָלס אין

מיין ווייב אויסגעקומען געלעגען צו ווערען.

פערל. צווישען די 10 יודען איז אויך געוועזן בן ציונס פאטער דער רב פונם שטעטל. די מוטער איז פאר צרות געשטארבען און מיר האָבען בן ציון אויך צו אונז גענומען, גלויבט מיר אז זיי זענען ביי אונז טייער ווי דאָס לעבען, אמת רחלע?

רחל. געוויס אמת, און מיט דערזעלבער ליבע זענען מיר צו אייך איבערגעגעבען.

תנח. א קלייניגקייט בן ציון איהר ווייסט דען ווער בן ציון איז ביי 13 יאָהר האָט ער שוין געהאַט התור הוראה אויף רב איהר מעגט הערען ער שרייבט איצט אַ ספר האָט מען שוין 52 טויזענד געגנז געקוילעט מ,זאל פון די פליגעל מאַכען פעדערצן צום שרייבען, 1 מיליאָן ליטער טינט אויסגעשריבען און נאָך נישט פארטיג, הלוואי לעבט איהר אזוי איהר ווייסט דאָך גאַנץ גוט כ׳האָב פיינט צו זאגען אַ ליגען.

מרדכי

מרדכי. כלום רבותי.

מהרל. שלום עליכם מרדכי, האָסטו אַ בשורה טובה געבראכט.

מרדכי. צוערשט רבותי די בשורה טובה, אַז די 20 יודען זענען בעפרייט.

מהרל. ברוך מתיר אסורים.

מרדכי. זעהר שווער איז מיר דאָס מאָל אָנגעקומען די פערהעפטעטע יודען צו בעפרייען, שוין באַלד ווי איך בין אין הויף געקומען זענען מיר אַלע וועגען געווען אבגעשלאָסען, נאָר מיט דער הילף פונם פערשטעלטען שונא ישראל פיליפ לאַנג איז מיר דורך געלד געלונגען דעם קייזער צו רעדען, איך האָב איהם אונזער לאַגע גענוי געשילדערט, ער האָט מיר פערשפראכען שוץ און הילף, ער האָט מיר אָבער פערשטען געגעבען אַז ווען א פאר רויבער וועלען אום פערהאַפט אונזער

געטא בעפאָלען אזוי שטעהט אונז פריי זיך צו פערטיידיגען, איצט ווען כ'האָב די בעפרייטע יודען אבגעפיהרט אהיים האָט זיך דער פעבעל פערזאַבעלט און מיר געדראָהט, אז זיי וועלען זיך אין אַלע פראגער יודען נוקם זיין. דערפאר מיינע ברידער זייט פאָרברייט, בעוואָפענט אייך מיט וואָס איהר קענט. און ווער ס'האָב נאָר כח, זאל זיך שטעלען ביי די טויערען פונם געטאָ צו בעשיצען דאָס יודישע פאלק.

בן ציון. ר' מרדכי ערלויבט מיר צו זיין דער ערשטער צו בעשיצען מיינע ברידער, גענוג כח פיהל איך אין מיר צו קעמפפען געגען שטארקסטען שונא. יאָהרען לאַנג אַז זיי באָדען זיך אין אונזער בלוט און מיר מוזען שווייגען, ווי שעהמט איהר אייך נישט? שטאַמען מיר נישט פון אַ פאָלק פון חשמונאים מכבים? לעבט דען נישט אין יודען דער גייסט פון בר כוכבאן? אין נאָמען פון אונזער גאָט מי לה' אלי!

אַלע. מי לה' אלי!

תנח. (פערשפעטיגט) מי לה'...

מהרל. ברודער! ה' ילחם לכם ואתם תחרישין! גאָט וועט פאר אייך מלחמה האַלטען, הערט איך וועל אייך איצט מגלה זיין אַ סוד וואָס קיין שום בן אדם ווייסט נישט פון איהם, יאָהרען לאַנג האָב איך נאכגעזוכט, נאָכגעפארשט אין אַלע ספרי הקבלה, און זוהר הקדוש, אַריינצוברענגען א כח אין אַ זאַך וואָס זאָל אומשטאַנד זיין צו שיצען דאָס פאָלק ישראל, און צו ווארפען אַ שרעק אויף אונזערע שונאים, און איך האָף אַז עס וועט מיר מיט גאָט'ס הילף געלונגען, דאָס וואס מען האָט מיך נישט געזעהן א סך מאָל טעג און נעכט בין איך די צייט געזעסען אין שוהל קעהלער און צוזאַמען געזעצט אויס ליים א גוף דאָס הייסט „אַ ליימענעם גולם", דאַצו האָב איך אויפגעשריבען בקדושה ובטהרה די נויטיגע שמות הקדושים מיט וועלכע איך וועל דעם גולם מחייי' זיין, און ווייל ס'איז איצט אַ עת צרה אויף יודען, אַזוי וועלען מיר זיך מיט איהם בענוצען בעגען אונזערע שונאים, קומט רבותי מיט מיר אין קעהלער!

(אַלע אָב, רחל פערהאַלט בן ציון)

רחל. בלייב בן ציון איך וויל דיר עפעס זאָגען,

בן ציון. וואס איז רחלה?

רחל. זייט דער לעצטער צייט שוועבט א סכנה איבער אונזער הויז דער קייזערליכער· סעקרעטאַר פיליפ לאַנג פערפאלגט מיך מיט זיינע ליעבעס ערקלערונגען, ער זוכט מיר יעדעס מאל אויף ער וואגט אפילו אין אונזער הויז צו קומען ווען איך בין אליין.

בן ציון. ווער דער שונא ישראל?

רחל. היינט איז ער געוועז ווידער אין דער היים און חבּן כ'האב איהם געזאָגט אז אַ חוץ דעם וואָס ר'איז אונזערס אַ שונא, האָב איך שוין א חתן. האָט ער זיך אויסגעלאַכט אין געזאָגט אז ער וועט שוין וויסען ווי דיך פונם וועג אב צורוימען.

בן ציון. שרעק דיך נישט מיין טייערע, שטאַרק און גרויס איז אונזער ליבע אין קיינער וועט זי נישט קענען שטערן' דאָך רחלה איך געה צום עולם און דו בלייב דאָ ווייל ווי איך וויס ביסטו א איבערגעשראקענע. (אב)

רחל. אָ, מיין טייערער בן ציון, ווי גליקליך בין איך מיט דיר. און ווי מעג זיך פרייען דאָס יודישע פאָלק מיט דיר, דו ביסט דער כבוד אין שטאָלץ פון דער יודישער נאציאָן.

די הייליגע תורה לערנט דעם יודען
זיך לעבן אין שלום בייַנאַנד
דאַמאָלס מיין יודעלי וועסטו צופרידען
דיר וואוינען אין דיין אייגען לאַנד
די צייטען די גוטע זיי זענען אַוועק
זיין לאַנד האָט דער יוד אָן געוואוירען
פון זיין פראַכט און גרויסקייט
גענעמען האָט אַנ'עק
זיין כבוד זיין שטאָלץ פערלוירען
היינט ביזטו יודעלי אומגעבעטען אומעדום
בע ונד ביזטו מיין ישראל

נאָר אין אַלע לענדער ווי דו בלאָנדזשעט נאָר אַרום
פערגעס נישט דיין שטאַם פון אַמאָל

רעפ.:

יוד זאָלסט נישט פערגעסען דיין נאַציאָן
געדענק גוט וואָס די תורה זאָגט דיר אָן
פון אַלע אומות אויסערוועהלט איז נאר ישראל
פערגעס נישט יודעלי דיין שטאַם פון אַ מאָל
יוד זאָלסט נישט פערגעסען דיין נאַציאָן
גלייך מיט אַלע ברידער טראָג די פאָהן
געדענק גוט וואָס די תורה זאָגט דעם יודען אָן
יוד זאָלסט נישט פערגעסען דיין נאַציאָן

גולם מאַרש

ביהנע פינסטער

עס קומט: פרויען מיט פאַקעל, דאַן מענער מיט פאַקעל, ראַן: 4 מענער טראָגען אַריין דעם גולם אויף אַ ברעט 2 מענער טראָגען פשוטע האָלץ בענקליך

נאָך זיי געהט נאָך מהרל, מייזעלס, בן-ציון, תנחום מ'לייגט דעם גולם אַ נידער אויף די 2 בענקלעך

דער מהרל גיט אַ חינק תנחום ברענגט וואַסער, ער וואַשט זיך די הענד. טהוט אָן קיטעל, טלית, דעקט זיך איבער אַריבערבייגענדיג איבער'ן גולם. פויזע. גיט אַ צייכען מ'נעמט צו פון די פיס דאָס בענקעלע. מ'שטעלט איהם לאַנגזאַם אויף, מ'נעמט אַוועק דאָס ברעט גולם שאָקעלט זיך אַהער און אַהין ווי אומצופאַלן, ענדליך קומט לעבען אין די אויגן, מאַכט 3 שריט אַלעם בעגייסטערט ביז עס פאַלט דער

פאָרהאַנג

צווייטער אַקט

אַ רייכער זאַל, טישען געדעקט צו דער חופה
תנחום, זכריהו, גולם
ביי פינצלע פאָרהאַנגען אויף.

ת נ ח. גולם נעם אַריין די לייטער, (גולם אב) איהר הערט ר' זכריהו אַ מחיה צו האַנדלען מיט אַ גולם, רעדט נישט אַקעגען און טהוט וואָס מען הייסט איהם.

ז כ ר. אפלא והפלא, פאָלגט דער גולם יעדען?

ת נ ח. געזונד זאָלט איהר זיין איר ווייסט דען נישט אַז דער רבי האָט איהם בעשוואוירען אַז ער מוז פאָלגען און טהון וואָס זיין בני בית זאָגט איהם, אודאי אַ פרעמדען פאָלגט ער נישט פרובט איהר אייך מיט איהם וועט ער אייך הערען ווי המן דעם גרעגער.

ז כ ר. איי איי גבורת הבורא!

ת נ ח. איהר זאָגט דאָס גבורת הבורא. הערט אַ מעשה, דאָ יענע וואָך געה איך מוט 2 קאַנען וואַסער דורך דער שמאָלער גאַס חער מיינט איהר קומט מיר אַנטקעגען? דער גולם און דאָס מיט 2 פעסער וואַסער, און ווייל די גאַס איז זעהר שמאָל קענען מיר ביידע ווי אויף צו להכעיס נישט דורכגעהן, וואָסזשע מיינט איהר טהוט דער גולם, שטעלט אַ נידער די 2 פעסער וואַסער רוקט אַ וועג אין דער זייט אַ הויז און אין דער זייט אַ הויז און מיר זענען בשלום דורך געגאַנגען און צום זכר האָט מען דער גאַס אַ נאָמען געגעבען די ברייטע גאַס, הלוואי זענט איהר אַזוי געזונד איהר חייסט גאַנץ גוט איך האָב פיינט צו זאָגען אַ ליגען.

ז כ ר. איי איי פלאי פלאים.

ת נ ח. איהר זאָגט דאָס פלאי פלאים, דאָ דעם פרייטאָג וויל מיין חייב לכבוד שבת מאַכען אַ קוגעל און קויפט אַ קישקע און

פילט זי אָן, און ווי זי איז שוין געווען פאַרטיג מיט'ן צו-נייען פלוצים הייבט אָן די קישקע צו טאַנצען שטעלט אייך פאָר אונזער שרעק. כאַפּ איך אַ מעסער שנייד אויף טרעפט אינמיסטען וואָס ס'איז געווען?

זכר. וואָס? וואָס?

תנח. אַ קליין קעצעלי.

זכר. אַ קעצעלי? ווי אַזוי קומט עס אריין?

תנח. גאָר פשוט דאָס ווייב איז אויף אַ מינוט ארויסגעגאַנגען איז דאָס קעצעלי אויף אַ מינוט אַריין געגאַנגען.

גולם מיט לייטער

תנח. אָט אַזוי שטעל זי אַנידער — — — נו האַלט זי צו שטעל אַרויף אַ לאַפּקעלי. ניין כ'מיין אַ פיסעלי, (געשיהט) אוי ס'איז נישט פאַר מיר צו קריכען אויף אַ לייטער, גולם זיי מוחל טראָג זי צוריק אַרויס (גולם מיט לייטער אב)

זכר. ר' תנחום האָט מען עפּעלעך צו דער שמחה אָנגעגרייט.

תנח. אוי איהר זאָגט עס עפּעלעך, הערט אַ מעשה, דאָ פאַר 2 וואָכען זאָגט מיר די רבי׳, תנחום געה אין מאַרק אַריין און ברענג מיר איין עפּעלע, איך האָב זעהר נישט קיין צייט געהאַט נעם אין דעם גולם שיק איהם אין מאַרק אַריין און גיב איהם געלד און שוין. פלוצים גיב איך אַ קוק זעה איך ווי דער גולם טראָגט די שטעלע מיט די קוישען מיט דער יודענע מיט'ן פייערטאָפּ. פרעג שוין נישט, מ'האָט איהם געהייסען ברענגען אַן עפּעלע האָט ער געבראַכט די יודענע, נו אַזוי און איצט זייט מוחל ברענגט אַריין לעקיך, בראָנפין און פערבייסען.

זכר. יאָ איך געה שוין, מחשבות'ן... נו און דאָס קעצעלי לעבט נאָך?

תנח. וועלכעס קעצעלי?

זכר. נאָ דאָס פון דער קישקע?

תנח. פון וועלכער קישקע?

זכר. פון אייער ווייב — —

תנח. האַ! יאָ, יאָ לעבט און איז געזונד און האָט פרנסה.

זכר. אַזוי דאָס קעצעלי האָט פרנסה כאַ-כאַ-כאַ (אב)

תנח. נו געלויבט השי"ת די אַרבייט איז פאַרטיג, דער גולם איז ווי אַ אייגענע האַנד, 195 מיליאָן משרתים וואָלטען דאָס נישט אָבגעטהון אין אַ טאָג וואָס ער אין אַ מינוט, אַ קליינִיגקייט, אַזא טאָג אַ חופה ביי בן-ציון מיט רחל'ען, נו און דאָס חנוכת הבית פון דער שוהל, אַ איינפאַל פונ'ם רבי'ן שיקט זיך דעם גולם קיין ירושלים, און ברענגט פון דער כותל מערבי שטיינער און מיט די שטיינער האָט מען אויפגעבויט די שוהל, אַלץ דער גולם, אוי ווען גאָט שיקט מיר צו אַ ווייב אַ גולם, איי האַלט דאָס געווען אַנ'אַנטיק.

הערט אַ מעשה יודישע קינדער
ס'איז דאָך פשוט נאָר גאָט'ס וואונדער
דער גולם — (מוזיק)
עסט נישט, טרינקט נישט דער רוח ווייסט איהם
און טהוט אַלעס וואָס מ'הייסט איהם
דער גולם
קוים שיקט מען איהם אין אַ שליחות
לויפט ערגיץ ווי טויזענד רוחות
ער האָט זיך קיינמאָל נישט בעקלאָגט
קען נישט שרייען קען נישט שעלטען
גרויסער גאָט פון אַלע וועלטען
הלוואי אויף מיין ווייב געזאָגט

רעציט.

ווען מיין ווייב זאָל זיין אַ גולם וואָלטען מיר געלעבט זעהר שטיל

זאָל נישט דאַרפען עסען, נישט קענען שעלטען, נאָר טהון וואָס איך וויל

רעפר.

רבונו של עולם
איז דאָס אַ גולם
וואָס מ׳זאָגט איהם איז פאַר איהם רעכט
ער פרעגט נישט קיין שאלות
און ער גלייבט אַלעס
אַזאַ גולם איז דאָך גאָר נישט שלעכט

II

הערט אַ שטראָף אַ ביטערען צאָרן
אַ מיידעל אַ קלוגס איז פלוצים געוואָרען
אַ גולם.
טאַטע מאַמע זיך קרענקען אָן אַ צאָל
און ביי איהר ווערט גרעסער יעדעס מאָל
דער גולם
מ׳שיקט זי אין די בעדער גיך און געשווינד
זי זאָל דאָרט ווערען געזונד
פערטרייבען דעם גולם און ווידער ווערען קלוג
אין אַ קורץ שטיקעל צייט אַ נס איז געשעהן
דאָס מיידעל ווערט געזונד ווי געווען
קעהרט זיך אום אַ היים מיט גליק.
אוי אַ חופהלע טהוט מ[illegible]ד עטעלען,
די מחותנים גלי[illegible] אַלע גאָר אָן אַ שיעור
ס׳טייטש אַזאַ וואויל מיידעל, אַ כשרה כלה,
און דער חתן קוועלט פון איהר

רעפר.

רבונו של עולם
איז דער חתן אַ גולם א. ז. וו.

(טאַנץ גולם פיגור ווי פופע) (אב)

זכריהו קאהר

ז כ ר. קומט אַריין רבותי, זיצט, אוי תנחום איז נישטאָ; ר׳ תנחום זייט מוחל קומט אַריין.

תנחום

ת נ ח. אַ מז״ט, מז״ט, זיצט טרינקט, זשאַלעוועט נישט,

ז כ ר. טרינקט אָן פחד

ת נ ח. אוי איהר זאָגט עס פחד הערט אַ מעשה, דאָ יענע וואָך געה איך פון דער מלוה מלכה אַזוי פריילעך, לעבעדיג, זינג מיר אַזוי אַ זמר׳ל, פלוצים זעה איך אַ הונד איז ער געזעסן גרויס זיצענדיג ווי איהר שטייענדיג, גלאָצט אויס אויף מיר אַ פאָר אויגען נאָר מיך צום איינשלינגען, הקיצור, וואָס טהו איך? גיב אַ פערקאַטשע דעם אַרבעל, אַ פאָהר אריין מיט דער האַנד אין פיסק אַריין אין אַ קעהר איבער אין אָט ליגט ער, (לייגט האַנד אויפ׳ן טיש)

ז כ ר. ווי ליגט ער?

ת נ ח. ליגט ער נישט דאָ, ליגט ער דאָרט

ז כ ר. יאָ יאָ איהר מעגט איהם גלייבען (געהט פאַלט שיעור אום)

ת נ ח. וואָס איז?

ז כ ר: שיעור שיעור בין איך געפאַלען, און דאָס נאָר דורך דער פיטקאווע

ת נ ח. אוי איהר זאָגט דאָס פיטקאַזע הערט אַ מעשה, דאָ יענע וואָך שיקט מיך ר׳ מרדכי מייזעלס עפעס צום פאסטעסר וועגען קאָסעס, איך בין דאָרט ביים פריץ אַ היימישער מענש, געה אַריין אין מאַגאַזין גיב נאָר אַ נעם אַזוי אַ 5 — 6 מיליאָן קאָסעס אויף די אַקסעל...

ז כ ר. וויפיעל?

ת נ ח. 6 — 7 מיליאָן

ז כ ר. 7 מיליאָן קאָסעס?

ת נ ח. 7 מיליאָן נישט אָבער אַ 6 — 7 איז געווען, הין יצור כדי איך זאָל נישט הייסען קיין גנב געה איך אַריין צום פריץ איהם זאָגען אַז כ׳האָב גענומען די 8 מיליאָן קאָסעס

קום אַריין אין ערשטען חדר, קיינער נישטאָ, עפען אויף די טהיר פונים אַנדערען חדר אין האָב זי נאָך נישט פערמאַכט, גיט עס מיט מיר איין דרעה און איך בלייב הענגען מיט די פיס צו דער סטעליע, יודען פרחה נשמתי, איך מאַך אַ געוואַלד לויפען זיך צונויף די מענשען און מיט שווערער מיה האָט מען מיך אָבגעריסען גיב אַ קוק איך שטעה אַ באָרוויסער און די שטיוול הענגען אויף דער סטעליע, פרעג איך דעם פריץ וואָס איז דאָס? ענטפערט ער מיר אַזוי ווי די סטעליע איז פון מאַגנעס און די שטיוועל האָבען גרויסע פאטקאווס האָט עס מיך צו געמאגניזועט און בין געבליבען הענגען.

ז כ ר. יאָ יאָ איהר מעגט איהם גלייבען.

ת נ ח. איהר ווייסט גאַנץ גוט איך האָב פיינט צו זאָגען ליגען.

מהרל, מרדכי, פערל, בן־ציון, רחל.

אַ ל ע. מז"ט, מז"ט.

מ ה ר ל. בתחלה אתן שבח לאל נורא עלילה, הממליך מלכים ולא המלוכה. קודם וועלען מיר דאַנקען דעם רבש"ע פאַר זיינע חסדים וואָס מיר האָבען דעם היינטיגען טאָג דער־לעבט, קומט אַהער חתן כלה וועל איך אייך בענשען. וברכך ה׳ וישמרך. ויאר ה׳ פניו אליך ויחונך, ישא ה׳ פניו אליך וישם לך שלום.

אַ ל ע. אמן.

פרייט אייך יודען אַלע אַצינדער
אויף דער שמחה דאָ
ווינטשט אַלע די טייערע קינדער
אין אַ גוטער שעה
מהרה ה׳ ישמע בעת יהודה
קול חתן קול כלה
אמן.

מ ה ר ל. ווי דער לויטערער הימעל, ווי פון דער זון די שיין.

אַזוי זאָל אייער לעבענס־וועג. אָן חאָלקען
תמיד זיין
רבש"ע איך בעט דיך מיט כונה, שיק זיי דיין
ברכה עד מאה ועשרה שנה

ב ן צ י ו ן ר ח ל. זעהט ווי עס קומט די ישועה, און
זי וועט היילען אונזער שמערץ
גאָט שיקט שוין די רפואה פאַר
דעם יודענס האַרץ
נו וואַרף אַראָב פון דיר דיין טרויער
זעה מיט אונז איז גאָט.
ער פערלאָזט נישט דעם יוד, נאָר
בטחון האָט

פיליפ מיט בעגלייטער

פ י ל. זיי זענען אַוועק ווי אַ דונער האָט מיך די נאַכריכט געטראָפען זי די שעהנע רחלה געהט יעצט צו דער חופה און מיט וועמען? מיט א יודען, און איך ווער פון איהר אויסגעלאַכט, אָבער ניין נאָך האָט די ליבע מיך נישט צום שווערלינג געמאַכט, נאָך בעזיץ איך די אייזערנע קראַפט פון א עדעלמאַן, אָ רחלה ווען כ׳האָב דיך צום ערשטען מאָהל אין געטא דערזעהן האָב איך גע־מיינט אז אַ מלאַך איז אויף דער ערד פערבלאָנזעט געוואָרען, שלאָפלאָזע נעכט, ציעלאָזע טעג, פריינד איך קען נישט מעהר, זי מוז מיינע זיין.

ב ע ג ל י י ט ע ר. ווי אזוי קענט איהר דען דאָס מאַכען?

פ י ל. הער מיין אַהער קומען איז בלויז קאָמעדי געוועזן, איך האָב בעקומען א ניי שטייער געזעץ שפעציעל פאַר יודען, איך האָב דעם פערפלוכט רייכען יודען געקענט שיקען צו מיר רופען איך האָב עס אָבער נישט געטוהן, ווייל איך האָב געוואָלט זי די שעהנע רחלה זעהן, לײדער אָבער בין איך צו שפעט געקומען, אַלזאָ הער אין אַ שעה אַרום דאַרף זיין די חופה און דאָס מוז אַלזאָ בעדינגט פערהינדערט ווערען, איך האָב שוין בעצאָהלט איינינע רעדעלספיהרער אז ביים געגעבענעם צייכען איבערפאַלען

זיי די פארשטאָט, דער רבי וועט אהין שיקען דעם גולם, וועהרענד דער צייט איבערפאַלסטו מיט נאָך אייניגע דאָס הויז, רחלה ווערט געראויבט צו מיר אין שלאָס געבראַכט, אין הויז דאַרף אַ געשלעג אינסצעגירט ווערען, כדי מען זאָל דאָס פעהלען פון רחלן נישט בעמערקען. אַלזאָ פריינד דעם פלאַן איז זעהר גוט, און העכסטענס אין אַ האַלבע שעה זאָל אַלעס ערלעדיגט ווערען. דיין מיה און צייט וועל איך שוין וויסען צו בעלוינען.

בעג. איך וועל אַלעס טוהן נאָך בעפעהל. (אב)

פיל. אזוי ענדליך האָף איך וועט מיין וואונש ערפיהלט ווערען.

תנחום קומט זינגענדיג

תנח. איהר... איהר...

פיל. וואָס איך?

תנח. מיין מיך...

פיל. ווערסטו רעדען

תנח. אָ איך רעד, איך רעד, וועלכע גוטע יאָהר האָט עס מיך אַריין געטראָגען אַהער, איהר דאַרפט דעם רבי'ן?

פיל. נו ענדליך! געה און זאָג דעם הערן מייזעלס אַז איך דאַרף איהם

תנח. אוי איהר זאָגט עס דאַרפון הערט אַ מעשה,

פיל. ווערסטו געהן? איך האָב נישט קיין צייט

תנח. אוי איהר זאָגט דאָס וועגען צייט, דאָ יענע וואָך געהט אַזוי — — — —

פיל. ווערסטו אויפהערען?

תנח. איהר זאָגט עס... איך געה שוין (אב)

פיל. אזוי יעצט מוזען מיר זיך פאַרברייטען צו אַ קליינער דמק וסימן

מייזעלס

מייז. אָ וועלכער כבוד וואָס פיהרט אייך צו מיר, איז עפעס וויכטיגס?

פיל. אָ ניין נישט זעהר וויכטיג עס איז בלויז אַנגע-

קומען נייע שטייערן ספעציעל פאַר די פראַגער יודען. ביטע! (גיט ראלע פאַפיר)

מייז. (נאָך אַ בליק) אָבער קייזער. סעקרעטאַר עס איז דאָך ריין אונמעגליך פערגעסט איהר אַז מיר לעבען נאָר אויסשליסליך איינס פונ'ם אַנדערען מיר זענען זענען דאָך איינגעשלאָסען אין געטאָ

פיל. יאָ, יאָ זעהר אמת אָבער מיר ווייסן אַז די געטאָ יודען זענען גענוג רייך, נו אין זענט איהר נישט איינער פון די רייכסטע? פערמאָגט איהר דען נישט אַ קייזערליך פערמעגען?

מייז. נו און ווען יאָ? צאָהלען מיר דען נישט גענוג, יאָ אַפילו מעהר ווי גענוג וואָס איהר לאָזט אונז דאָ וואוינען איהר האָט אונז אַ דירה פערדונגען פאַר אַזאַ פרייז וואָס מ'קען זי פאַר אַ אייגענע קויפען, נאַ און אַ חוץ דעם צאָהלען מיר דאָך אייך אויך מיט אונזער בלוט ה' קייזער. סעקרעטאַר איבער אונזערע כחות קענען מיר נישט צאָלען איך ווייס ווען איהר זאָלט נאָר ווען קענט איהר דעם ערגאס אויף זעהר פיל ערלייכטערען

פיל. ווער איך? בין איך געזעץ-געבער? איך בעדויער ווירקליך, ליידער אָבער געהט עס נישט,

מייז. נו ווען אַזוי וועל איך מוזען אַליין געהן צום קייזער,

פיל. נו אויך דאָס וועט אייך ווייניג העלפען

מייז. מיינט נישט ה' קייזער. סעקר. אַז איך וועל ערלויבען פון מיינע אַרמע ברודער צו רייסען די הויט יעדען טאָג נייע שטייער שוין צו פיעל ליידען מיר און מיר שווייגען, אָבער גענוג, עס איז נישט זעהר צום אויסהאַלטען, מיר פראָטעסטירען!

פיל. איבריגענס איך וועל מיך בעשטרעבען, ערקלעהרען דער רעגירונג אַז ס'איז אוממעגליך פרישע שטייערן אַרויף צו לייגען, איהר פערשטעהט איך וועל דאָס מייניגע טהון.

מ יי ז. איך דאַנק אייך (וויל גײהן)

פ י ל. פאַרדאָן! ענטשולדיגט מיר איין אויגענבליק, איך בין יעצט צופעליג אין אַ געלד פערלעגענהייט אַזוי וואָלט איך אייך געוואָלט בעטען אַזוי אַ גאַנץ קליינע סומע זאָגען מיר נישט פיעל, אונגעפעהר אַ 10 טויזענד דוקאַטען, נאַטירליך גיב איך אייך אַ וועקסעל

מ יי ז. ליידער איז מיר אוממעגליך,

פ י ל. און פאַר וואָס? זענען אייך מיינע וועקסלען נישט זיכער?

מ יי ז. יאָ זעהר זיכער טראָץ דעם אַלע אייערע גיטער זענען פערפענדעט

פ י ל. ווי איהר ווייסט?

מ יי ז. נישט נאָר איך, עס ווייסט עס אַ יעדער,

פ י ל. און דאָס וואַגט איהר אויף מיר צו בעהויפטען? פערגעסט איהר ווער איך בין און ווער איהר? פערגעסט איהר אַז איהר זענט דאָ נאָר אונגעבעטענע,

מ יי ז. אָ ענטשולדיגט נישט קיין אונגעבעטענע, גאָר זעהר טייערע בעצאָלטע געסט זענען מיר, און ווידער ווי איהר בעהויפטעט אַז מיר זענען דאָ נאָר איינגעבעטענע וויל איך אויב מען טרייבט אונז אַרויס ליבער מיט נעמען באַרעס געלד איידער אייערע זיכערע וועקסלען ה׳ קייזער. סעקרעטאַר.

פ י ל. געלד מיטנעמען פערגעסט אין דעם דאָס געלד איז אונזערס

מ יי ז. אייערס? ניין אונזערע עלטערען האָבען עס פון שפאַניען מיטגעבראַכט, יאָהרען לאַנג פלאָגט זיך דער יוד פיהרט אַ רוהיג פאַמיליען לעבען שפאַרט אַ פרוטה צו אַ פרוטה קומט איהר צו געהן און בעהויפטעט אַז דאָס געלד איז אייערס! ניין דאָס יודישע געלד געהערט דעם יודען, אייערס נעמט ביי אייך קיינער נישט צו, פערלומפטעס נישט, פער׳שכור׳ט עס ניט וועט איהר אויך האָבען. אָ ניין דאָס מאָל האָט איהר אַ גרויסען טעות, דאָס מאָל קריגט איהר דעם יודענס געלד ניט.

פ י ל. איהר האָט מיך בעליידיגט, מערקט עס אייך, מיר

וועלען זיך נאָך זעהן. אָבער זעהר א טרויעריג ווידערזעהן וועט דאָס זיין (אב)

מ ר ד כ י. ווידער האָט זיך דער הימעל פערוואָלקענט, ווידער דראָהט אַ שטורם אויס צו ברעכען איבער דער מיין טייער פאָלק ישראל.

ל ע ר ע ם. וואָס זאָל דאָס הייסען?

תנחום

ת נ ח. געוואַלד אויף דער פאָרשטאָדט שלאָגט מען יודען, דער רבי האָט מיך געשיקט נאָכ׳ן גולם, גולם, גולם גיכער, נו ריהר דיך שוין.

גולם

ת נ ח. גולם לויף גיך בפקודת הרב אויף דער פאָרשטאָט שלאָגט מען יודען, ראַטעווע, טהו דיין אַרבייט בשלימות. (גולם דראָהט אב)

לערם, אַנסאַמבל

אַ ל ע. מ׳שלאָגט יודען, מ׳שלאָגט יודען

מ ה ר " ל. ווי איז רחלה, רחלה ווי איז?

זכריהו

זכ ר. געוואַלד! 2 צדעל לייט האָבען רחלהן אַ וועקגערויבט,

בייערן

איבערפאַלען דאָס ווי׳ז אַלגעמיין געשלעג, גולם קומט, שלאָגט זיי אַלע זיי פאַלען, אַלגעמיינער גרויסער חירהואַר, טישען וערען איבערגעקעהרט, גלעזער צעבראָכען, אַ רעכטער פאָגראָם ביז איינגע ביירען אנטלויפען, איינגע פאַלען, גולם שפאַנט אַרום דער ביהנע און שלאָגט ביז עס פאַלט דער

פאָרהאַנג

דריטער אַקט.

(אַ רייכער סאַלאָן אויף דער ביהנע בעסט מטרינקק אַלעס לעבעדיג)

פ י ל. מיינע הערשאַפטען אין ערשטער רייהע דאַנק איך אייך וואָס איהר האָט מיין איינלאַדונג געפאָלגט און איהר זענט געקומען. מיט אייער קומען האָט איהר בעוויזען אז נאָך האָבען מיר א מאכט, זעהט איהר דען נישט אונזער לאַגע ווייסט איר דען נישט אַז דער יוד האָט היינט אַ גרעסערען ווערט ווי מיר? נו און דער קייזער אנשטאַט צו שיצען אונזערע אינטערעסען ווייסט איהר וואָס ער טוהט? ער לערנט גאָר אַסטראנאמיע, און אַזוי ארום ווערט אונזער לאַנד פערנאכלעסיגט, דאַרום מיינע הערשאַפטען הערט מיין פּלאַן: דער קייזער מוז געשטורצט ווערען, מיר זעצען זיין ברודער אויפ'ן טראהן, און די רעגירונג בעגעוואלד איבערנעמען מיר

א ל ע. בראווא, בראווא.

פ י ל. איך זעה אַז איהר זענט מיט פּלאַן איינפערשטאַנדיג. יעצט מיינע פריינד וועלען מיר אונטערנעהמען אַ קליינעם שפּאַציר אין גאָרטען, דאַמיט פרישע קרעפטען פאַר'ן וויטערען טרונקען צו זאמלען.(קאר ווידערהאלט נומר 8 אב) אַזוי נו און אַצינד צו מיין שעהנער יודען, כ'האב א ביסעלע צו פיעל געטרונקען. אָבער דומהייטען, מעהר ווין, מעהר קוראַזש, (עהם אָב אין רחל'ס צימער, רחל גיעט אַ געשריי) רחל, פיליפ.

ר ח ל. וואָס ווילט איהר פון מיר? ליבער, ערמאָרדעט מיך איידער אזוי צו פּלאָגען.

פ י ל י פ. האָב איך דען דיך געבראכט אַהער אום דיך צו ערמארדען? חדשים לאַנג, אז דו האָסט אויסגעפילט מיין האַרץ, מיינע געדאַנקען, איך וועל שעה'ן לאַנג אַרומבלאָנדזען ווי אַ שאטען כדי דיך צו זעהן, אונזער ערשט בעגעגנען האָט מיך אין אַנדערער וועלט פערזעצט, איך בין שטעהן געבליבען

ווי געבלענדזעט און מיר האָט זיך אויסגעוויזען אַז איך בין נישט אין מיין היימאַט'ס שטאָט פראג, נאר איך בין אין גריכענלאַנד און בעוואונדער אבארמאָר סטאַטוע, אָבער קיין פערגלייך די סקולפּטור קונסט האָט נאָך אַזאַ שטופע נישט דערגרייכט צו שאַפען אזאַ געטין.

ר ח ל. גענוג! זאגט וואָס ווילט איהר?

פ י ל. רחלה, איך בעט דיך, שענק מיר א קליין ביסעלע ליעבע זעסטו דען נישט ווי אין מיין הערצען ברענט איין העליש פייער פאַר דיר מיין טהייערע.

ר ח ל. בעלעסטיגט מיך נישט אומזיסט מיט אייערע רייד ווי קום איך אַ יודישע טאכטער צו אייך ווי קענט איהר אייך גאָר אזוי ערנידריגען און בעטען ליבע ביי אַ יודישער טאָכטער?

פ י ל. נישט איין ערנידריגונג איז עס ביי מיר, איך ויל אויך נישט וויסען וואָס דו ביזט, זיי מיינע און דאָס גרעסטע גליק פון דער וועלט זאָל דיר נישט פעהלען.

ר ח ל. ווי שעהן איהר קענט פון ליבע רעדען ווען אין האַרצען ליגט א גיפטיגער שלאַנג. וואָס פאר אַ ענטפער ערוואַרט איהר פון אַ טאָכטער פון דעם פאָלק וועלכעס בלוט איהר צאַפּט גאָר אָן רחמנות, גליק זאגט איהר מיר צו? וואָס מיינט איהר דאַמיט? האלט איהר דעם יודען פאר אזוי נידריג אַז פאַר געלד ווערט ער פערקויפען זיך, זיין היים, זיין געליעבטען, און זיין פאָלק? און צו ווע‏מען, צו אונזערס א שונא, וואָס זיין גליק איז ווען ער קען אונז וועה טהון, יאָ, איין ענטפער האָב איך פאַר אייך אין דער איז, איך האַס אייך.

פ י ל י פ. אָבער פאר וואָס? בעט איך דען ביי דיר אַזוי פיעל, קענסטו נישט געפונען פאַר מיר אויך אַ ביסעל ליבע.

ר ח ל. מיין הארץ איז פול מיט ליבע פאַר מיין גאָט, מיין פאלק, מיינע עלטערען און מיין חתן, פאר אייך ה' לאַנג איז דאָרט קיין פּלאַץ נישט! איהר זוכט ליבע ביי אייערס גלייכען.

פ י ל. פערגעסטו אַז ביזט בײַ מיר אין שלאָס! רחלע, ווען איך האָב דיך דאָס ערשטע מאָל אין געטאָ דערזעהן זײַט דאַמאָלס איז פון מיר מײַן רוה אַוועק, איך פלעג גאַנצע נעכט אַרומוואַנדערן און ווען כ׳האָב דיר מײַן האַרץ ענטדעקט האָסטו מיר צוריק געוויזען, און מיט אַ מיטלייד שמייכעלע מיר בע־דויערט, זעהסטו. און דאָס האָט מיך מײַן האַרץ גערייצט, דאָס האָט מיך עבען בעוואויגען דיך מיט געוואַלד אַוועקצורײַסען.

ר ח ל. יאָ הער, לאַנג אײַערע געוואַלט טאטען זענען אונז יודען זעהר גוט בעקאַנט. דאָך בעט איך אײַך בעלעסטיגט מיך נישט און לאָזט מיך פרײַ.

פ י ל. דיך פרײַ לאָזען? אָ ניין, ביזט בײַ מיר אין שלאָס וועך קען דיך פון מײַנע הענד בעפרײַען.

ר ח ל. וואגט איהר נאָך איין וואָרט רעדען, דאַן הימ אײַך פאר דער צורײַצטער חוה.

פ י ל. אָ עפעס זעהר שטאַרק! אויב עס געהט אין שטאַרקייט, דאַן מוזטו מײַנע זײַן.

ר ח ל. איך מוז?

פ י ל. יאָ, מיט גוטען אָדער מיט בייזען, מײַנע... מײַנע... (ראַנגלען זיך, זי שטויסט איהם ער פאַלט ווייל ער איז שכור, זי לויפט אַב)

פ י ל. צום טײַוועל, פאר וואָס האָב איך אַזוי פיעל גע־טרונקען, אַז אַ שוואַך פרויען־צימער זאָל אויבשטאַנד זײַן מיך צו בעזיעגען, נאָך גוט וואָס קיינער האָט נישט געזעהן.

דיענער.

ד י ע נ ע ר. איין יוד איז איהם פארצימער געשיקט פון רבי לעוו.

פ י ל. א יוד? גוט פערשליסט דאָס יודישע מיידעל און דאַן זאָל ער קומען (דיענער אַב) זאָלען זיי האָבען ער־פאַהרען? יעדענפאַלס מוז מען פארזיכטיג זײַן.

תנחום

ת נ ח. ברוך מושב! (זעצט זיך)

פ י ל. (שטעהט אויף)

ת נ ח. זיצט, זיצט, זײַט היימיש ווי בײַ זיך אין דער היים.

פ י ל. יוד האָב איך דיר ערלויבט צו זיצען.

ת נ ח. יאָ איהר מעגט זיצען, זיצט, זיצט.

פ י ל. וואָס פיהרט דיך צו מיר.

ת נ ח. חלילה קיינער האָט מיך נישט געפיהרט, דאָ דער משרת האָט מיך געוואָלט אַרײַנפיהרען האָב איך איהם געזאָגט, אַז מיר זענען שוין אַלטע גוטע ברידער.

פ י ל. וואָס איז דײַן אַהעם קומען?

ת נ ח. דער רבי זאָל לעבען האָט געשיקט פרעגען ווען ער קען צו אײַך קומען?

פ י ל. אין וועלכער אַנגעלעגענהייט וויל ער מיט מיר רעדען?

ת נ ח. איהר זאָגט דאָס רעדען הערט אַ מעשה? הערט אַ מעשה. 2 ווײַבער זענען געזעסען אין קרימינאַל אין איין חדר גאַנצע 10 יאָהר ביז זיי זענען בעפרײַט געוואָרען, דער דער פערשליסער קומט אַרײַן און זאָגט זיי: ווײַבער איהר זענט פרײַ, געהט אַ היים זעהר גוט, דעם אַנדערען טאָג קומט ער אַרײַן וויל פערשליסען עמיצען אַנדערש טהוט אַ קוק די ווײַ־בער זיצען נאָך פ׳טייטש פרעגט ער זיי וואָס זענט איהר נאָך דאָ איהר זענט דאָך שוין פרײַ פון נעכטען אָן, רופט זיך אָן איין יודענע תיכף, תיכף, מי׳ דאַרפען נאָר דערענדיגען דאָס רעדען.

פ י ל. נו, און ווי וויל ער זיך מיט מיר בעגע־בענען?

ת נ ח. איהר זאָגט דאָס בעגעגענען הערט אַ מעשה, אַ מעהל טרעגער מיט אַ קוימענקעהרער האָבען זיך אַ מאָל בע־געגנט אויף דער גאַס, מחמת ס׳איז געווען אין דער שמאָלער גאַס האָבען זיי נישט געקענט אַזוי לייכט דורכגעהן. אַ וואָרט אַהער אַ וואָרט אַהין זיי האָבען זיך צופאַטשט און דער קוי־מענקעהרער האָט אויסגעשמירט דעם מעהל טרעגער הקיצור

כ'וויל אייך נישט לאַנג מאַריך זיין זיי האָבען זיך געקלאָגט נו ווער מיינט איהר האָט געוויינען?

פ י ל. אַ שאַרפע יוריסטישע פראַגע. ווער?

ת נ ח. דער מעהל טרעגער!

פ י ל. פאַר וואָס?

ת נ ח. ווייל ער האָט געהאַט שוואַרץ אויף ווייס! (גיסט צוזאַמען פון אַלע גלעזלעך דעם איבערגעבליבענעם ווין, וואַשט זיך די הענד, ווישט זיך אין טישטוך)

פ י ל. צום טייפעל! וואָס וואַשט איהר אייך דאַמ'ט ס'איז דען וואַסער?

ת נ ח. אוי איהר זאָגט עס וואַסער, הע'רט אַ מעשה ווי אַזוי איהר קוקט מיך אָן בין איך אַ אַלטער שפּרינגער, אַ מאָל האָב איך מיך פערוועט אַז איך וועל אַריבערשפּרינגען די אַלטע טייך מאָלדוי (Moldau) הקיצור טהו מיך אויס, (שפּייט אין די הענט) איינס, צוויי, גיב אַ שפּרונג און אין מיטען שפּרינגען האָב איך דערזעהן אַז איך שפּרינג קורץ, און אָט אָט ליג איך אַ דערטרונקענער, וואָס זשע מיינט איר האָב איך געטהון? אַ חאַפּ אָן זיך אונטען ביים קאַרק, אַ דרעה אויס אין דער לופט, און בין צוריק געשפּרינגען.

פ י ל. אַלזאָ גוט איך ערוואַרטע דעם רבי לעוו, ער זאָל קומען

ת נ ח. איהר זאָגט עס קומען הערט אַ מעשה (פיליפ הייבט זיך אויף, געהט אָבער בעמערקט נישט) אליהו הנביא איז אַ מאָל געקומען צו אַ קימפּעטאָרען, געוועהנליך ווי איהר ווייסט איז אַ... אליהו הנביא איז אַ מאָל געקומען צו אַ קימפּעטאָרען, ווי דער שטייגער איז אַ יודענע... געוואַלד! (זוכט אַרום ביז ער דערזעהט די אָפענע טהיר ווי פיליפ איז אַבגעגאַנגען, שטעלט זיך אַ נידער רעדט אַריין) (ער אַנטלויפט ווייל פיליפ לויפט צריין)

פ י ל. הער נאָר אַ פרעכהייט פון אַ יוד, ביז אין צווייטען ציפער קומט ער מיר זיינע דומהייטען ערצעהלען. הם... מען מוז איצט זעהר פאָרזיכטיג זיין, דער רבי איז קלוג און

נאָר איין איבריג וואָרט קען מיך פעררעטען.

מהרל, בן ציון

פ י ל. אָ זייט מיר הערצליך ווילקאָמען רבי, זיצט, (אב אויך ער דאָ

מ ה ר ל. אַ דאַנק, נישט צו גאַסט בין איך געקומען, איך בין אייך געקומען בעטען שוץ און גערעכטיגקייט פאַר מיין הויז, פאַר מיינע ברודער.

פ י ל. לאָזט הערען וואָס נאָר מעגליך וועל איך פאַר אייך טהון,

מ ה ר ל. נעכטען זענען עדעל לייטע אונזער געטאָ בעפאַלען, הייליגע ספרים האָבען זיי צוריסען, יודען געשלאָגען, און כיר מיין טאָכטער די כלה פון דעם יונגען מאַן גערויבט,

פ י ל. יאָ אַבער וואָס האָט די גאַנצע געשיכטע צו מיר וואָס קען איך אייך העלפען,

מ ה ר ל. קענט איהר מיר נישט זאָגען, אָדער צומינדעסט אַ עצה געבען,

פ י ל. איך אייך וואָס האָט די גאַנצע זאַך צו מיר?

מ ה ר ל. איך וויל אייך חלילה נישט פוגע בכבוד זיין קענט איהר מיר נישט זאָגען, דאָס הייסט אפשר ווייסט איהר ווי מיין קינד געפינט זיך,

פ י ל. איך? הם... אויב אייער טאָכטער איז אַנטלאָפען איז זי שיין געוויס מיילען ווייט פון דאַנען, און אפשר איז זי גאָר מיט איהר אייגענעם ווילען אַנטלאָפען?

ב ן צ. אַ ליגען. רבי ער ווייסט וואו רחלה איז.

פ י ל. יונגערמאַן איר פערגעסט מיט וועמען איהר רעדט.

ב ן צ. ניין קיין אויגען בליק פערגעס איך נישט, איהר זענט עס דער יעניגער, וואָס האָט רחלה'ן צו גערויבט, איהר פלעגט זי תמיד בעלעסטיגען...

פ י ל. איך שוין שוין די געגענוואַרט פון אייך רבי, אָבער דער יונגערמאַן ערלויבט זיך צופיעל.

ב ן צ. ווער עס פערלירט דאָס טייערסטע און זיין לעבען דער מעג זיך אלעס ערלויבען.

מ ה ר ל. עדלער מענש איך וויל מיך נישט אריינלאָזען אין חקירות מיט אייך ווער סאיז דאָ דער גערעכטער, איך וויל אייך נישט שילדערען די צרות און חדופות וואָס דאָס יודישע פאָלק האָט אויסצושטעהן זייט זיין עקזיסטירען אָבער נאך גרעסער זענען די צרות ווען מען רויבט ביי אַ יודישען טאטען זיין טאָכטער, איך בעט אייך זאָגט מיר ווייסט איר בעשטימט נישט ווער ס'האָט מיין קינד גערויבט?

פ י ל. הם... פון וואנען זאל איך וויסען?

מ ה ר ל. עהרליך און אויפריכטיג פרעג איך אייך איז מיין קינד ביי אייך?

פ י ל. הם... ביי מיר? ניין..

מ ה ר ל. קום בן ציון איך ווייס. שוין וואָס כ'האָב צו טהון, רחלה אין דאָ, גולם! גולם! (ביידע אָב)

פ י ל. זיין זיכער אויפטרעטען בעשטעטיגט מיר, אַז ער הייסט אַלעס אָבער דאָך דומהייטען, פון מיינע הענד וועל איך זי נישט אַרויסלאָזען, און אויב איך וועל זי נישט בעזיצען ביטע מיינע הערשאפטען קומט אַלע אַריין.

אנסאמבעל.

אַזוי יעצט נאָך אונטערשרייבען דאָס פאפיר אַז איהר זענט אַלע אונפערשטאנדען דעם קייזער צו שטירצען (געשיקט) און יעצט נאָך איין גלאָז ווין אין אַ האָך אויף דער נייער רעגירונג.

א ל ע. האך!

(אַלס טרינקט, געהויבענע שטימונג, דער גולם ברעכט צויס די טהירען קומט אַריין, אַלע מאַכען אַ ליאַרעם, טייל אַנטלויפען אייגער כאפט אַ בענקעל, ער גיעט אים אַ קלאַפ און דער אנגריי- פער פאלט טויט, דער גולם שפאנט גלייך קעהרט איבער דעם טיש מיט די פלעשער און גלעזער, פיליפ שיסט אויף איהם, גולם קעהרט זיך אום צו איהם, פיליפ אנטלויפט, טאַפט די טהירען,

ענדליך געהט אַריין צו רחלן אין צימער, פיהרט זי ארויס, זי זעהט די פאפירען נעמט זיי. גולם בינדט אַרום רחלן א לאַנגען שטריק ברעכט אויס א פענסטער מיט די פאטרינעס, לאָזט זי אַראָב דורכן פענסטער. ס'זאָל בילדען ווי פונם 6-טען שטאָק ער דרעהט זיך אויס מיטן פנים צום פובליקום דראָהט מיט דער האַנד, שפּרינגט אַרויס דורכן פענסטער און עס פאַלט דער

פאַרהאנג

■ ■ ■

פיערטער אקט

(ארדנונג ווי אין צווייטען אַקט)

תנחום, זכריה

ז כ ר. אין דער אמתן טאקע נסים, ריינע נסים ר'האָט געגעבען רחלן אַ כאַפּ און ר'איז דאָ.

ת נ ח. איהר זאגט עס כאַפּען הערט אַ מעשה, אַ בלינ- דער און אַ זעהענדיגער האָבען אַמאָל געגעסען אין איין טעלער האָבען זיי ביידע אבגעמאַכט, אז ווער ס'ועט כאַפען און עסען גיכער טאר'ן אנדערען בעקומט ער א פאַטש, זעהר גוט. פלוצים גיט דער בלינדער דעם זעהענדיגען אַ פאַטש, אַז פונקען זענען געפלויגען, דער זעהענדיגער מאַכט אַ געוואַלד, סטייטש בלינדער דו זעהסט דען צו איך כאַפּ, וואָס פאטשסטו, ענטפערט דער בלינדער אוודאי זעה איך, וואָרען מה דאָך איך כאפ דאָך אַזוי און דו שווייגסט, היינט שטעל איך מיר פאַר ווי אזוי דו כאפסט.

ז כ ר. אַ קלוגער יוד איהר זענט, יאָ זאָגט מיר נאר איהר ווייסט שוין דאַפון מ'האָט מכריז ומודיע געוועזן אין אַלע גאסען, אז ווער ס'ועט ברענגען פיליפ לאַנגער דער בעקומט טויזענד גולדען, אוי גאָטעניו הלוואי זאָל איך איהם כאַפּען.

ת נ ה. קוק נאָר אָן דעם קבצן ער וועט איהם כאַפּען, וואָס-זשע טויזענד גולדען ווילסטו פערדיענען מיר נישט דיר נישט ווערסט זי דען קענצן איבערציילען?

זכר. כאַ־כאַ־כאַ איך וועל זיי נישט קענען איבערציי־לען? אפשר אַזאַ דלות ווי איהר, אַזאַ אביון וועט נישט קענען,

תנח. איך בין אַ אביון? ביי מיין זיידען אין קיך אַז מ׳איז אַריין געקומען פלעגט מען זיך גליטשען

זכר. גליטשען גאָר פאַרוואָס?

תנח. ווייל די פּאָדלאָגע איז געווען פיש יוך, אויפ׳ן הויף איז געווען אַ ברונעם פלעגט מען שעפען פאַרטיגע לע־מעשקע, פרייטאָג אַז מ׳האָט געגעסען די קנישעס פלעגט מען גוט מוזען אַכטונג געבען אַז מ׳זאָל זיך קיין צאָהן נישט אויס־ברעכען, ווייל אין יעדען קניש איז געלעגען אַ גאָלדען זייגערעל נאָר וואָס האָב איך צו טענה׳ן מיט אַ יוד אַ קבצן.

זכר. ווער איך בין אַ קבצן? נאַ דיר אַ קבצן, נאַ דיר אַ קבצן (שלאָגט איהם)

תנח. געוואַלד גולם! גולם!

(גולם קומט, צעווארפט דעם אהער דעם אהין געהט אב)

תנה. דיין גליק וואָס דער גולם איז אָנגעקומען, פאַרך וואָלט איך פון איהם געמאַכט. אוי וועה דער עולם געהט

אַנסאַמבעל

אלע. מז״ט, מז״ט.

תנח. זיצט, זיצט רבותי, איהר הערט מיט די פּאַפּיערען וואָס רחלה האָט ביי דעם גראַף צוגענומען איז דאָך דער רבי זאָל לעבען מיט ר׳ מרדכי מייזעלס געפאָהרען צום קייזער איז דאָ אַ ידיעה אַז זיי קומען באַלד צו פאָהרען,

זכר. גלויבט איהם נישט ער האַקט ליגען ווי אין אַקרויט

תנח. אוי איהר זאָגט עס קרויט הערט אַ מעשה, דאָ יענע וואָך בין איך געווען אויפ׳ן יריד גיב אַ קוק אַזוי אַ ערך פון אַ 6 — 7 מיליאָן מענשען טראָגען א באַרג גרויס ווי דער באַרג סיני קוק צו נעהנטער טרעפט אינמיסטען וואָס ס׳איז געווען

אלע. וואָס, וואָס?

תנח. אַ הייפּטעל קרויט.

זכר. נו אויב אַזוי וועל איך אייך דערצעהלען אַ מעשה אויף דעם זעלבען יריד בין איך דאָך אויך געווען גיב אַ קוק אַזוי אַ 6 — 7 מיליאָן מענשען טראָגען אַ טאָפּ גרויס ווי דאָס יודישע גלות,

תנח. כאַ־כאַ־כאַ הערט נאָר אַ ליגען אַזאַ גרויסען טאָפּ וואָס וועט מען דען קאָכען?

זכר. וואָס הייסט וואָס? אייער הייפּטעל קרויט.

תנח. יישר כוח! פון היינט אָן זענען מיר גוטעפריינד

זכר. איהר זאָגט גוטע פריינד הערט אַ מעשה

תנח. ר׳ זכריהניו נעהמט מיר נישט צו מיין פרנסה,

מהרל, מרדכי

ברוך הבא בשם ד״.

מהרל. רבתי, מיר קומען אַצינד פונם קייזער, מיר ברענגען אַצינד בשורות טובות ישועות ונחמות, זעהר שווער איז דאָס מאָל אונז אָנגעקומען מיטן קייזער צו רעדען. די בלבולים זענען געווען צו שטאַרק אָבער דורך די פּאַפּיערען וועלכע רחלה האָט ביים שונא ישראל בעקומען דורך די פּאַפּירען האָט דער קייזער געזעהן ווי טריי אין איבערגעבען דאָס יודישע פאָלק איז איהם, ער האָט פון אונז אַראָבגענומען די שווערע שטייערן שבתים און ימים טובים קענען מיר האַלטען על פי דין, און מיך האָט דער קייזער בעשענקט מיט׳ן טיטול קייזערליכער ראַטה

אלע. מז״ט, מז״ט.

מהרל. איך האָב בפקודת הקייזער געשיקט דעם גולם ער זאָל אויפזוכען דעם שונא ישראל און מיר וועלען איהם איבערגעבען דער גערעכטיגקייט

גולם מיט לאַנג

נאָך וואָס האָסטן איהם געבראַהט אַהער? געה גיב איהם איבער אין שטעטישען הויז

פיל. איך בעט אייך לאָזט מיך פריי, נעהמט אייך מיין גאַנץ פערמעגען,

מהרל. נישט געלד איז אונזער ציעל, מיר מוזען ער-
פיהלען דעם בעפעהל פונ׳ם קייזער.

תנח. נו וועסט מיר נאך לויפען און מיך וועלען שלא-
גען? כ׳וועל צוקומען צו די גראפּיס און וועל דיר דערציי-
לען א מעשה.

מהרל. פיהרט איהם אב (גולם לאנג אב) נו זעהט
קינדערלעך ווי גאט פערלאזט נישט זיינע יודען,

בעאמטער (מיט א ראלע פּאפּיר גיט זי, 8ב

מהרל. ר׳ מרדכי לעז זיי מוחל

מרדכי. לויט דעם לעצטען קייזערליכען ערלאס מעגען
מיר יודען וואוינען אויסער דעם געטא,

אלע. מז״ט

תנח. איך ציה מיך אריין אין דער ברייטער גאס, נו
רבותי

(לעבעדיג! רעפריין נומער צעהן)

דו וועסט זיין ווי א מאָ
אין דיין ארץ ישראל
אין לאנד ווי דיינע אבות ריהרען
ווי דער ירדן זיך גיסט
וומייל׳ך, האניג פליסט
ווי אתרוגים לולב״ן בליה׳ן
ווי א יעדעס ווינקעל יעדעס ארט
דערמאָנט דיך דיין היסטאָריע דאָרט
וואָס ס׳איז דיר אזוי גוט בעקאנט
פערשווונדען וועט דיין גאנצער טרויער
די פאָהן וועט שטאָלץ אויף ציונס מויער —
דיך בעגריסען אין דיין אייגען לאנד.

גולם קומט מארשירט ביז מיט ביהנע בלייבט שטעהן. מהיל נעמט אות ארא ב
די א. פון „אמת״ ווערטער „מת״ טויט אין פאלק ער מעג אבער אויך לעבען
בלייבען. אבער פולען דארף סיי ווי דער

פארהאנג

אונזער טעאטער קאטאלאג

דראמען:

1) אויפ'ן אָפגרונד
2) די גנבים
3) מירעלע אפרת
4) ווילדער מענש
5) קעניג ליר
6) מ ט ו ר ף
7) דער אמת
8) דוד'ל משורר
9) גאָט, מענש און טייפעל
10) די שבועה
11) שלמה'קע שאַרלאַטאַן
12) דער אינטעליגענט
13) דער בטלן
14) דאָרפס יונג
15) ווילנער בעל הבית'ל
16) די רויבער
17) ישיבה בחור
18) די שעהנע מרים
19) דער גרויסער מאמענט
20) ווייסע שקלאַפען
21) מלכה'לע סאָלדאַט

אָפערעטען:

1) וואו זענען מיינע קינדער
2) חנה'טשע אין אַמעריקא
3) די אַמעריקאַנערין
4) חנה'לע די נייטאָרין
5) פינטעלע יוד
6) רומענישע חתונה
7) יוסף אין עגיפטען
8) יודעלע דער בלינדער
9) הערצעלע מיוחס
10) ציפקע פייער
11) יודישע האַרץ
12) דער זיסער חלום
13) געלט, ליבע, שאַנדע
14) כל נדרי
15) ש ו ל מ י ת
16) קוני לעמעל
17) קאַבצענזאָן
18) ליאָוקע מאַלאָדיעץ
19) איציקל וויל חתונה האַבען
20) דער גולם
21) חאַצקעלע כלבוניק

Wydawnictwo i księgarnia
SZ. GOLDFARB, Warszawa Dzika 31.
Zakł. graf. „Stereotyp„ Warszawa Bonifraterska 11.